ויהי עס איז אמאל געווען איין ארענדאר ער איז געווען זייער איין ערליכער יוד אונ איז געזעסן אין איין דארף ביי איין שררה ער האט געהייסן ר׳ ישראל. דר רענדאר איז געווען ביי דעם שררה זייער חשוב. היינו ער האט אן דעם רענדאר ניט געטאן קיין שום זאך ער האט ניט גקופט אויך ניט פאר קופט אן דעם רענדאר. ער איז אפ געזעסן ביי דעם אדון אצייט פון עטליכע יאר. ראטעם פר דעם דארף פלעגט ער צו צאלן אוסגארע דם הייסט פר יעדערן קווארטאל האט ער גצאלט פריער. דר אדון איז פון ר׳ ישראל זייער קאנטענט געווען. אין עטליכע יאר ארום מאכט זיך דעם ר׳ ישראלען איז שלעכט געווארן אין דר ארענדע אונ ער איז געווארן ארעם. עס איז גקומן דם קווארטאל ער האט ניט צו געבן דעם שררה קיין געלד אוסגארע. האט ער געבעטן דעם שררה אז ער וועט אים געבן איזדראלע דאס הייסט דם קווארטאל וועט אום זיין וועט ער אים באצאלן. דר שררה מחמת ער האט אים זייער ליב געהאט האט ער ביי אים גפועלט אז ער וועט נעמן ביי אים איזדראלע. עס איז גקומן נאך דעם קווארטאל ער האט ווייטער ניט. ער בעט דעם שררה ער זאל אים ווארטן וועט ער אים שון געבן מיט אמאל פר איין האלב יאר. דר שררה איז אזו אויך מרוצה געווארן אז ער זאל נעמן ביי אים פר אהאלב יאר. עס איז גקומן צום האלבן יאר אונ ער האט ווייטער ניט צו געבן. זאגט דר שררה צו אים ישראל דו ווייסט אליין וואול אז איך טוה ניט קיין שום רענדאר פון אלע מיינע רענדארס דם וואס איך טוה דיר. ווייל איך האב דיך ליב טוא איך דיר נאך מיין זיין אפ אין דארף ביז סוף יאר אונ סוף יאר זאלסטו זעהן מיר אפ צו געבן די ראטע פון גאנץ יאר. נאר באם לאו אז דו וועסט ניט אפ געבן סוף יאר אין גאנצן די ראטע זאלסטו וויסן אז דו מוסט דיין ווייב

אונ וויפיל קינדר דו האסט זענט איר אלע פר פאלען איך וועל איך אריין ווארפן אין איין גרוב ביז איר וועט דארט אום שטארבן. אונ גדענק דס גאנץ גוט אונ זעה סטארע זיך אז דו זאלסט האבן די ראטע פר אגאנץ יאר. דר ר' ישראל רענדאר דאנקט אים זעהר שיין אונ גייט פון אים אהיים. ער טראכט זיך וויא אזו עס וועט דר נאך זיין גוט איז אים איין חצי שעה. ער איז אפ געזעסן דס האלבע יאר אבר דר אומגליק הט אים צו גדינט אז עס איז גקומען סוף יאר ער קאן אים ניט געבן אפילו פר איין קווארטיל. דר שררה שיקט אים רופן אונ זאגט אים נוא ווי איז מיין געלד. זאגט ער אז ער הט ניט איז די שררה געווארן אין כעס. אונ הט גשאפט מען הט גנומען דעם רענדאר אונ די רענדארקע אונ זיי האבן גהאט צוויי קינדר אונ מיט דעם דריטן איז זיא געווען מעוברת אונ מען הט זיי מיט אלייטר ארויס גלאזט אין איין גרוב. אונ מען הט גהייסן זיי געבן אלע טאג צו פונט ברוט אונ איין קווארט וואסר אויף יעדען מענש. דארטן האבן זייא גדארפט לצורך אויך גיין (בהמנא לצלן) דר איינפיר איז געווען אז אלע נאכט הט גדארפט גיין צו דעם גרוב אנכרי אויף סטראזע. פלעגן די נכרים גיין אלע נאכט אקאלייע. אז זייא פלעגן קומען צו גיין אויף דר סטראזע פלעגן זייא זיך אריין בייגן אין גרוב אונ פרעגן ישראל לעבסטו הט ער גענפרט יא:

**ובאותו הכפר** אין דעם דארף זענען געווען צווייא נכרים איינר איז געווען אבעזריטניק ער הט קיין קינדר ניט גהאט, אונ איז געווען אסאוועסניע זייער. די גאנצע גראמאדע האבן אים ליב גהאט אונ ער איז געווען זייער רייך ער הט גהייסן איוואן. דר אנדרר איז געווען איין גמיינר האדייאן אונ איז געווען זייער אשלעכטר. אז דיא גאנצע גראמאדע הט אים פיינט גהאט ער הט גהייסן לאקאש. דר איוואן הט ליב גהאט איין יודן אונ דר לאקאש הט פיינט גהאט איודן אין געווען אז איוואן איז גקומען אויף דר סטראזע אונ האט געזעהן אז אין די פאלאצען איז שון פינצטר. פלעגט ער זיך אריין בייגן דעם קאפ אין גרוב אריין אונ פלעגט מיט דעם רענדאר רייזן אונ הט אים אלץ גטרייסט. ישראל זס וועט זיין דר טוב

וואס דו ווערסט דא זאגן. ענטפערט אים דער רענדאר פאר שטייא
אליין וואס קאן איך טאן. איך זאל זיין אין דריסן וואלט איך
זיך געקאנט אפשר עצות געבן. אז איך זאל די ווייב און קינדער
אויך ארויס נעמען אבער אז איך ליג אין גרוב וואס קאן איך טאן.
דער איוואן פלעגט אים טרייסטן. איר האט איין גרויסן גאט
ער איז אמתיר אסורים ער קאן דיך פון דאנען אויך ארויס נעמען
און האט אים געווינטשן אגוטע נאכט. און האט זיך אויך געלייגט
שלאפן. אבער אז דער דאמאלש פלעגט קומען. האט ער זיך אויך
אריין געבויגן אין גרוב מיט דעם קאפ און האט אים געפרעגט.
ישראל לעבסטו זאגט ער יוא. האט ער אים אן געשאלטן און
האט אים צו געווינטשן אז ער זאל שוין פון דארטן ניט ארויס.
דער ווייל איז די רענדארקע דארטן געלעגן געווארן און האט געהאט
איין קינד. נאר ווייל עס איז געווען אן איין באבע האט דאס
קינד ניט לאנג געלעבט און איז דארטן געשטארבן ליגט שוין
דאס קינד אויך דארטן. און דיא ווערעם עסין דאס. אין עטליכע
וואכן ארום דארף איין קינד פון די צוויי קינדער אויך שלאף
ווערן און איז אויך געשטארבען און ליגט אויך אין גרוב.
דיא זאך האט אזו געווערט עטך צוויי יאר. נאר דער שררה האט
איינמאל געשיקט געוואר ווערן זיין יעקאנאם צו זיי לעבן אלע.
האט ער געזעהן אז צוויי קינדער זענען טוט נאר ער מיט זיין
ווייב און איין קינד לעבן נאך קאם קאם:

ויהי מקץ שנתים עס איז געווען סוף צוויי יאר. איז
דער איוואן געקומען אויף דער אויסטראזשע
צום גרוב דער גבירי איז געזעסן לעבן גרוב ביז ער האט געזעהן
אז אין די פאלאצען איז שוין פינצטער האט ער אריין געבויגען
דעם קאפ אין גרוב און זאגט ישראל לעבסטו זאגט ער קאם
קאם. פרעגט ער און די רענדארקע זאגט ער זי לעבט אויך.
נאר טויקט דאס אלעבן. זאגט דער איוואן הארך צו איך האב
געמיינט ביז אהער אז דו אליין וועסט דיר געבן עפעס איין
עצה אזא דו זאלסט ארויס נאר איך זעה דאך אז דו טראכטסט
נאר ניט ארום זיך מיט דיין ווייב. על כן זאלסטו וויסן אז
איך האב אפ געטראכט פון אייערט וועגן איין עצה. נאר גאט
זאל איך העלפען אז מיין עצה זאל מקוים ווערן. פרעגט ר'

ישראל אדרבא זאג כ״ר וואס האסטו ביי טראכט זאגט דר איוואן
א״ו. איך האב דיר געבראכט איין באנקע ברוינפען, און איך
לאז זיא אראפ מיט איין שטריק. זאל די באנקע ברוינפען
שטיין ביי דיר ביז עס וועט אום קומן די קאליע אויף דעם
לאקאשען און אז ער וועט קומן אויף דר סטראזיע וועט ער
דיך פרעגין לעבסטו. (ווארום די פרעג האט גמוזט יעדער נכרי
פרעגן) זאלסטו זאגן יוא. און זאלסט אים פרעגן לאקאש וועסטו
נעמן אביסעל ברונפען וועט ער דיר זאגן ניב. זאלסטו אים
זאגן איך וועל געבן. נאר באופן דו זאלסט אביסעל טרונקן
און מיר אפ געבן דאס איבעריקע. און ווידלוג ער איז איין
שלעכטער וועט ער זיך צו נעמן די גאנצע באנקע. און וועט
טרונקען ביז ער וועט שיכור ווערן און איך וועל שטיין אונטער
דעם פארקען פון דעם הויף אבי ער וועט נאר אנשלאפען ווערן
וועל איך קומן מיט איין שטריק און וועל איך ארום נעמן
און ביי מיר וועט שטיין איינגעשפאנט אפיר מיט דריי פערד
און וועל אייך אריבר פירן אבי איבר דעם שראנעם גרעניץ.
און פון דארטן וועט איר זיך צו פארן נייטער אבי איר זאלט
בלייבן ביי אייער לעבן וועט אייך גאט העלפן צום לעבן:

**וכן היה** און אזוי איז געווען. דר איוואן האט אריין געלאזט די
באנקע ברונפן אין גרוב אריין מיט א שטריק. ר׳
ישראל האט זי צו גנומן און האט זי אנידער געשטעלט ביז לאקאש
וועט קומן אין עטליכע נאכט ארום איז אן געקומען די משמרה
אויף לאקאשען ער זאל זיין אויף דר איסטראזיע איז ער געקומען
צו גיין. ער גייט אריין דעם קאפ און פרעגט ישראל דו
לעבסט זאגט ער יוא (און דר איוואן איז ער שוין אום געגאנגען
אונטער דעם פארקן הערן און זעהן וואס דא וועט זיין. און אין
דר היים שטייט שון אין שטאל איינגעשפאנט איין עגלה מיט
דריי פערד שטארקע). פרעגט דר רענדאר דעם לאקאשען
שלאפט מען שון אין די פאלאצן זאגט ער יוא וואס דארפסטו.
זאגט ר׳ ישראל צו אים ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגן. זאגט
ער זאג. זאגט ער לאקאש טאטר ווילסטו א טרונק ברונפן
זאגט ער גיב. זאגט ער יוא איך וועל דיר געבן די גאנצע
באנקע זאלסטו טרונקן וויפיל דו ווילסט און דאס איבעריגע זאלסטו

יר צוריק געבן . דר לאקאש הט אראפ גלאזט דעם שטריק :
אונ ר' ישראל הט אים אן גבונדן די באנקע בראנפן אונ ער
הט זי ארויף גנומן . דר לאקאש טראכט שון ניט אפ צו געבן
דיא באנקע צוריק אונ הט אין זיך אריין גגאסן דעם בראנפן
ביז ער איז אויף דעם ארט אנידר גפאלן אונ איז גבליבן שלאפן
טויט שיכור אונ די באנקע שטייט לעבן אים . דר איוואן הט
דר זעהן אז ער שלאפט שון אונ חראפעט גאנץ גוט איז ער
גגאנגן צו צום גרוב אונ הט אראפ גלאזט איין שטריק . אונ
זאגט אים ישראל בונד דיך ארום מיט דעם שטריק אונטר
די הענט אונ איך וועל דיך ארויף נעמן . ר' ישראל הט אזוי
גטאן ער הט אים ארויף גצויגן אונ לאזט נאך אמאל אריין דעם
שטריק גנעמט די רעגנדארקע אונ בונד זיך אויך ארום אונ זיי
ביידע ציהען זי ארויס . דר איוואן גנעמט זיי ביידע צו זיך אונ
זיי האבן זיך ארויף גזעצט אויף דר עגלה . אונ ער הט זיי אוועק
גפירט עטליכע מייל ביז איבר דעם שררות גרענעץ . אונ הט
זיי גגעבן געלט נאך עטליכע קערבליך . אונ הט זיך מיט זיי
אפ גזעגנט אונ ער איז גקומן ביז טאג אהיים אונ האט ארויס
גלאזט די פערד גלייך ווי ער איז גאר גישלאפן א גאנצע נאכט
אין דר היים . דר רעגנדאר מיט דר רעגנדארקע מחמת גרויס
פרייד האבן זיי פר געסן אז זיי האבן דארטן אין גרוב איבר
גלאזט איין לעבעדיק קינד . נאר זיי האבן שון בעסר ניט גקאנט
מאכן . זיי זענן זיך ווייטר פון דארטן אוועק גפארן אונ אוועג .
אונ מהסתם הט זיי דר השי"ת גהאלפן :

ויהי בבוקר עס איז גקומן אין דר פריא די גבירים פון דארף
האבן אן גהובן צו גיין אויף דר פאנשטישנע.
זייא זעהן אז לעבן גרוב ליגט לאקאש שיכור אונ שלאפט
אונ איין האלבע באנקע מיט בראנפן שטייט לעבן אים .
דיא גבירים זענען גגאנגן צום פקיד . אונ יאווען אים דיא זאך .
דר פקיד לויפט ארויס זעהט ער אז ער ליגט האלב טויט . מען
וועקט אים מען רייסט אים מען קאן אים ניט דר וועקן .
דר ווייל איז דר שררה אויף גישטאנען . איז גגאנגען דר פקיד
אונ הט דעם שררה גראפארטירט . אז דר סטראז לאקאש ליגט
לעבן דעם גרוב שיכור אין איין האלבע באנקע בראנפן שטייט

לעבן אים : דר שרה גייט אליין אונ זעהט ווי ער איז טויט שיכור מען רייסט אים אבר מען קאן אים ניט דר וועקין . דר שררה לאזט אים שלאפן ביז ער האט זיך אויס גישלאפן . דר שררה הט גשאפט מען זאל אריין גיין אין גרוב אונ זעהן וועד דארט איז דא . מען האט געזעהן איז קיין ניטא נאר איין קליין יונגעל . מען האט דאס יונגעל ארויס גנומן . דר וייל איז דר לאקאש אויף גישטאנען . דר שררה האט גשוקט צו נוף רופן אלע לייטישע גברים . אונ האט גהייסן זייא משפטן דעם לאקאשן . דר איוואן זאגט ליבר שררה ווען עס זאל זיין אויף מיין סאד . וואלט איך אים גהייסן דיא הויט אראפ נעמן . היתכן . מארגן וועסטו אים שטעלין צו דיא סאנעזאנים . אונ איינר וועט קומן מיט איין קוואדט ברונפען . וועט ער אים אריין לאזן אין מאגיזאן אונ ער זאל זיך צו נעמן אין גאנצן פון דארטן איז דא . בקיצור מען הט דעם לאקאשען אפ געגעבן זיין משפט . דם יונגילע שטייט . פרעגט דער שררה דיא גראמאדע וואס טוט מען מיט דעם יונגעל . רופט זיך אן איוואן ליבער שררה . אזויא וויא דיא ווייסט גא איך האב ניט קיין קינדר . בעט איך דיך שענק מיר אים אוועק אונ איך וועל אים אויס האדעווען וועט ער זיין מיין זין . אונ איך וועל קאנן מיט אים אפ קומען איין פיינשטשיזנע . אונ ער וועט זיין ביי מיר דר גאנצר בעל הבית . דעם שררה איז זייער געפעלן . אונ האט אים אפ געגעבן צו דעם איוואן . ער איז געווען בייא אים איין צייט . ער הט ביי אים געפאשעט פריר קליין נוארג דר נאך הט ער שוין אן גהובן צוא פאשען די אקסען :

ויהי לימים . עס איז גקומן אין איין צייט ארום : דם יונגעל פאשעט די אקסען . אונ האט זיך גדארפט צו קרונען מיט איין אנדר בן נכרי האט יענר אים אום גווארפן אונ זאגט אים דו ביסט איין יוד (זיד) דם יונגער קומט אהיים . אונ זעצט זיך אנידר אין דרוסען אונ וויינט . דיא מאמע דיא נכרית רופט אים אריין אונ זאגט זינא קום עסען ער ווי ניט גיין . בקיצור דר פאטר איוואן איז גקומן אהיים פרעג

ער אים וואס ווייגסטו. זאגט ער. דער אונ דר גברי האט אים גזאגט אז ער איז איין יוד דר איוואן זאגט אים האר גיט וואס ער זאגט. דוא ביסט מיין קינד אונ איך בין דיין טאטע. אונ דם איז דיין טאטע. ער איז גגאנגן עסן. אין אציים ארום צו קריגט ער זיך ווייטר מיט איין פאסטוך. ווארפט ער אים אויך אום דוא ביסט איין יוד איין סימן דוא ביסט גימלת. דם יונגער קוקט זיך צו זעהט ער אז ער איז טאקע גימלת. איז ער גקומן אהיים. אונ האט זיך גוט צו ווייגט גיט אנדערש זאגט מיר פאר וואס ביי קיין שום נכרי איז גיט אזו ווי ביי מיר. אסך צו ריידן פאסט גיט. דר איוואן האט דר זעהן אז עס ציהט אים צו זיין שורש. זאגט דר איוואן צו אים. שא מיין קינד איך וועל דיר זאגן דעם אמת. נאר זאלסט קיינם גיט דר ציילן. אמת דוא ביסט אייד. אונ קומסט ארום פון יורען. נאר וואס מיט דיר איז דיא מעשה קאן איך דיר גיט דר ציילן מחמת דוא ביסט ביי מיר. נאר איך וועל שון זעהן ביי טראכטן אז דו זאלסט זיין איין יוד. אזו ווי דיין טאטע מאמע. [...]ג איז ארובר גגאנגן צום שררה אונ זאגט אים אזו. ליבר שררה איך האב צו גנומן דאס יונגעל. איך האב גמיינט אז איך וועל פון אים האבן איין פאטאטך. נאר ווי איך זעה איז אמת וואס לייט זאגן. האדראווע אוואלף אונ ער קוקט אין וואלד אריין. אזו איז דם מען האט אים גזאגט אז ער איז אייד ליגט אים שון דם אין קאפ. ער בן נעם דיר אים צו אונ ער זאל זיין בייא דיר איין לייב דינער ער זאל דיר פוצן דיא שטיוויל אויך דיינע מלבושים אונ ער וועט תמיד זיין לעבן דיר וועט ער זיך גיט קריגן מיט קיינעם. אין איטליכר וועט מורא האבן אים צו זאגן יוד. ביז ער וועט פר געסן ווס מען האט אים גזאגט יוד. דעם שררה איז דם געפעלן ווס איוואן האט אים גזאגט אונ האט צו גנומן ביי אים דם יונגעל אונ האט אים גהייסן מאכן לאקעריע אונ ער איז גוואקן ביי אים זיינם אלייב קנעכט. אונ ער האט אים [...]אפ גגעבן זיין עובדא צו פוצן די שטיוועל אויך אלע מלבושים [...]דע גאכט אז אין דר פריא זאלן זיי שיין זיין גפוצט. בשעת [...]אז דם יונגעל דם קנעכטיל איז אוועק גגאנגן פון איוואנען.

האט ער איהם נאך אן גזאגט . דו זיי אין הויף ביז איך וועל דיר הייסן קומען צו גיין וועט זיין רעכט . דם קנעכטיל איז אוועק גוועזן אין הויף איין ערך האלב יאר . דער איוואן זאגט צו איהם הייגט און דער נאכט זאלסטו דעם שררה גוים פוצען אלע זאכן . און אז ער וועט זיך שוין לייגן שלאפן זאלסטו קומען צו מיר . וועט שוין רעכט זיין :

כך הוה אזו איז געוועזן . עס איז געקומען דיא נאכט דאס יונגעל דער לייב קנעכט האט דעם שררה אום גטאן דיא שטיוויל אוף אלע מלבושים . און דער שררה האט זיך גלייגט שלאפן ער האט גנומען אלע זייגע זאכען און האט איבר גפוצט און האט זיי אנידר גלייגט אויף זיין טיש'ל ווס לעבן זיין בעט איז גישטאנען . און ארום האלבע נאכט איז ער אוועק גגאנגן צו איוואנן . ביי דעם איוואן איז שוין געווען גישפאנט די פיר גרייט פון תחלת הלילה ווי דם יונגילע איז גקומן צו גיין . האט ער איהם ארויף גחאפט אויף דעם וואגן . און איז מיט איהם אוועק אויף איבר דר גרעניץ און ער האט איהם דר ציילט אז ער האט זיין פאטער און מוטר אויף ארום גיגנבת פון דעם גרוב און האט זיי דעם גרעניץ אריבר גפורט . אז ער האט איהם דעם גרעניץ אריבר גפורט . האט ער איהם צו גפורט צו איין שטעטיל . און זאגט איהם אהן אז דו זאלסט אריין גיין צוא איין יודען . און זאלסט איהם זאגן אז דו ביסט אויך אסימן איך בין גימרת . און נאדיר צוויי קערבליך מען זאל דיר קויפען יודעשע קליידר און מען זאל דיך אוועק שיקן ווייטר . בקיצור מען האט איהם גשיקט פון שטאט צו שטאט ביז ער איז אן גקומן קיין זאמשיב . צו הרב הצדיק יחיאל מיכל זללה"ה . דער צדיק האט דם יונגעל דר זעהן . איז ער איהם זייער גפעלין . און האט איהם אפ געגעבן צו איין מלמד . דר מלמד האט אנגהובן מיט איהם צו לערנען . ער האט גלערינט ערך דריי יאר ער איז גווארן איין למדן ווס די שטאט האט מיט איהם גיקליינגען . דם יונגעל איז ח"ש ב גוועזן ביי דעם רבי ר' מיכל ז"ל אז ווי דם שווארצע אפעל פון אויג און ער האט פון זיינט וועגן צו גיקליבען מחמדים חריפים ובקיאים . עס האט איהם גקאסט אסך די מלמדים . ער איז אלט גווארן דרייצעהן יאר ער [illegible]

שוין ווערן בר מצוה; דענצמאל איז ער שוין קלאר גווען אין ש"ס בבלי. ירושלמי. ספרא ספרי. תוספתא. מכילתא. דר רבי הקדוש הט גמאכט איין גרוסע סעודה. אונ דם יונגל הט גזאגט אחילוק עם הט גבראכן מוחות. ער האט אבר נאך גדארפט לערנן אזו אלערנעכץ ווס ער מוז האבן איין רבי. הט אים דר הייליגר צדיק גשיקט קיין בראד. אונ מען הט גבראכט איין מלמד איין גרוסן חריף. אונ הט מיט אים נאך גלערינט איין יאר. אז ער איז אלט גווארן פופצעהן יאר הט דר הייליגר צדיק אן גהובן אליין מיט אים צו לערנן (חכמת אמת) דאס הייסט קבלה ספרים ווייל זיין מוח איז גווען זעהר גרוס. הט ער די חכמת משיג גווען ווי איינר פון די אלטע מקובלים. הט דר צדיק מיט אים עוסק גווען צוויי יאר אין קבלה. אז ער איז שון אלט גווארן זיבצעהן יאר. הט אים דר רבי אריין גרופן אונ זאגט אזו. דו ביסט שון זיבצעהן יאר אונ דיא משנה זאגט. בן שמונה עשרה לחופה. איין גאון ביסטו אין נגלה אוך אין נסתר. נאר אזו ווי דו האסט אצייט יארן גגעסן טריפות. ע"כ דארפסטו דם יאר פראווין גלות. דו זאלסט גיין אגאנץ יאר. ווי דו וועסט טאגן. זאלסטו ניט נעכטיגן. אונ ווי דו וועסט נעכטיגן זאלסטו ניט טאגן. דעם בחור הט זיך בוודאי ניט גגלוסט אוועק פון דעם צדיק. אונ ווידר ער ווייסט גאר ניט ווי צו גיין. ער איז קיין מאל ניט גפארן. אונ מכל שכן גיין צו פוס. נאר ווס זאל ער טאן אז דר רבי הייסט אזו. אוף איין טאג הט דר' רבי גמאכט איין סעודה. אונ האט צו נוף גרופן אלע פאר נעמסטע מענשן. אונ דר בחור הט גזאגט תורה אונ נגלה אונ נסתר. דר צדיק הט זיך מתיה גווען אז ער הט מעמיד גווען פון אזו איונגל אבני שלמה. דר בחור האט זיך מיט אלע אפ גזעגינט. אונ דר רבי הט אים אום גקלייד אונ הט אים גמאכט כלי גולה. אונ הט זיך אנגהובן מיט אים גזעגינן. אונ זאגט אים אן. אז ער וועט ארום גיין פון שטאט זאל ער גיין קיין מזרח זייט דם גאנצע יאר ווס ער וועט גיין זאל ער אלץ גיין קיין מזרח זייט אונ ווי ער וועט טאגן זאל ער ניט נעכטיגן. דעם גאנצן וועג פון אגאנץ יאר. זאל ער ניט ווייזן זיך אז ער קאן עפים לערנן. נאר דם זאלסטו האבן

דעם סימן אז עס איז אום גגאנגן שון דס יאר . אז די וועסט
קומן אין איין אורט אריין און מען וועט דיך בעטן אז דוא
זאלסט דארטן בלייבן. און אפשר וועט מען דיר דארטן וועלן
געבן אווייב . זאלסטו צו שטיין און דארטן בלייבן . און הט
אן גשריבן איין קוויטיל . און הט אים אריין גלייגט אין כנפה
פון די ציצית און הט אים אליין פר נייט. און הט אים אן
גזאגט . אז דארטן ווי דו וועסט חתונה האבן זאלסטו קודם
החופה נעמן יענעם רב . און דיא אונטר פירערס. און זאלן
אוף טרעגן די כנפה און איבר לייענן דס קוויטל. און געזעגנט
זיך שון מיט אים אפ . און דר הייליגר צדיק האט אים מיט
מענשן ארום בגלייט ביז אין דר בראם און הט אים גבענשט ,
און ער איז אוועק גגאנגן זיין וועג. און דר צדיק מיט די מענשן
האבן זיך אומגקערט אין שטאט אריין . דר בחור איז גגאנגן איבר
דעם וועג . און האט זייער גוט גוויינט און פלעגט אלע טאג
זאגן על חטא ווייל ער איז אצייט גוועזן צווישן גברים און הט
גגעסן טריפות . ער איז אזו גגאנגן ווי דר צדיק הט אים אן
גזאגט . און וויא ער הט גטאגט האט ער ניט גנעכטיגט. דעם
גאנצן וועג הט ער זיך ניט גוויזן אז ער קאן עפיס לערנן נאר ווי
איין פראסטר מענש . און אזו איז ער גגאנגן איין גאנץ יאר :
ויהי לשמונה עשרה שנה אז עס איז גקומן די צייט אז ער
הט גדארפט ווערן שון אכצעהן יאר . אין די צייט איז
גוועזן אום ווינטר איז ער אן גקומן אין איין דארף אוף דר
נאכט וואס דארטן איז גזעסן איין רענדאר ארייכר און איין
ערליכר יוד . און הט גהאט שיינע קינדר וועלכע זיי האבן גקאנט
לערנן און זענען גזעסן און האבן גלערינט טאג און נאכט . דר
בחור איז אריין גקומן אין דר קרעטשמע נעבעך זעהר פר פרוירן.
עס איז אבר גוועזן אפולע קרעטשמע מיט גברים זאגט דר
רענדאר יונגר מאן גהע זיי מוחל אוף דעם אונטרשטן טויאר
איז דארטן דא איין שטובל דארטן זיצן מיינע קינדר און לערנן.
און דארטן איז גאנץ טארם וועסטו זיך דארטן אפ רוען און
גוט אום ווארעמן. דר בחור איז גגאנגן אין שטיבל אריין ער
קומט אריין זעהט ער אז עס איז זעהר שיין און ווארעם .
אשאפע מיט ספרים שטייט . און צוויי יונגע לייט זיצן און

לערנען זעהר גשמאק זיי האבן גאר ניט איין גזעהן ווי ער איז
אריין גגאנגן. ער הט זיך גזעצט לעבן דעם רבי. ער האט
זיך גאר מחיה גוועזן. אונ ווייל ער איז גוועזן זעהר מיד הט
ער זיך אויף דר באנק צו גלייגט. ווי ער ליגט אזוי הערט ער
ווי זיי זענן זיך מפלפל אין א שטיקל גמרא. אבר זיי קאנן
ביידע ניט. הט ער זיך שון ניט גקאנט איין האלטן. אונ
זאגט אזוי גוואלד ווס רעט איר. איר זענט ארויס גקראכן פון
דעם אמתן פשט. דריבר קאנט איר ניט. זיי האבן דר הערט
איז ביי זיי אין הארצן גוועזן איין גלעבטר אפום גייער זאגט. אז
זיי קאנן ניט. זיי גיבן אים שלום. אונ זאגן אים אדרבא זאג
דו דעם פשט. ער הט זיי גזאגט האבן זיי מודה גוועזן אז דר
אמת איז אזוי. עס איז גקומן דיא צייט פון וועטשירע איז
אריין גקומן דר משרת רופן זיי עסן. האבן זיי דעם בחור אויך
גרופן עסן מען האט אים מכבד גוועזן מיט א טרונק ברוינפן.
די יונגע לייט האבן זיך מיישב גוועזן אונ זאגן דעם פאטר אז
ווי דר בחור איז נעביך אפ גריסן אונ עס איז היינט ווינטר.
טאמער וואלט מען אים איין גבעטן אז ער זאל לערנן מיט
אונזר קליין ברודרל. דארף ער לערנן אין שטאט אונ זאל
נעבך רעבן אין דחקות ביי דעם מלמד. זאג אים צו עטליכע
קערבליך. אונ אז ער וועט לערנן מיט אים צוויי שעה אין
טאג איז בעסר וויא דר מלמד וועט מיט אים לערנן אגאנצן
טאג. דעם פאטר איז דיא זאך זעהר גפעלן. ער בעט דעם
בחור אונ רעט אים איין. דארפסטו זיך שלעפן אויף דר וועלט
אונ אום ווינטר. בלייב ביי מיר וועסטו לערנן מיט מיין קינד.
אונ איך וועל דיר ערליך בצאלן. דר בחור הט זיך דר מאנט
אז דר רבי האט אים גזאגט דארטן וויא מען וועט אים בעטן
זאל ער בלייבן. דרום איז ער מרוצה גווארן ער זאל לערנן
מיט דעם קליינם יונגל. דר פאטר איז אין דר פריא אין שטאט
אריין אונ הט דעם מלמד גשענקט עפיס אונ הט דם יונגל אפ
גנומן אהיים אונ ער הט מיט אים אנגהובן צו לערנן. די יונגע
לייט האבן דר הערט ווי אזוי ער לערינט מיט דעם יונגל. האבן
זייא גקוואלן. אויף דר אנדרע נאכט זיצט דר בחור בייא דעם
אובן אונ וואריםט זיך. אונ דיא יונגע לייט האבן זיך גזעצט

לערנן

לערנן פוסק . יורה דעה אדר ש"ך . אונ ער הערט אופן ווייניג ווי זיי לערנן . זייא זענן גקומן אויף איין אורט אונ האבן זיך פר האקט אויף מחמת זיי האבן שלעכט גלערינט דעם פשט איז זיי קשה גווארן קשיות (זה אומר בכה וזה אומר בכה) דר זאגט אזו אונ דר ענפרט אזו אונ עס איז פארט ניט גוט . אונ ער הערט אלץ . ער קאן ניט אוס רידן . אונ זאגט צוא זיי אזוי בלאנזעט איר אבר גאר מיאוס . דר פשט איז אזו אונ אזו . די האבן דר הערט וואס ער זאגט זיי . האבן זייא אים גבעטן אדרבא זאג דיא וויא אזו איז דער פשט . ער איז אפילו ניט צוא גגאנגען צום טיש . אונ האט זייא אומווייניג גזאגט . זייא האבען דער הערט . אז ער איז אין פוסק אויך קלאר . האבן זייא אים צוא דער וועטשירע נאך שענער מכבד גוועזן ווארום זייא האבן פאר שטאנען אז ער קאן אסך בעסר לערנן פון זיי . אונ זיי ווייסן נאך גאר ניט ווס לערנן בטייט . זיי זאגן דעם פאטר שטילערהייט דו זאלסט וויסן אז ער קאן אסך בעסר לערנן פון אונז . ער איז קלאר אין פוסק אומווייניג . לבן זאלסטו ביי דר וועטשירע מיט אים רידן אז ער זאל מיט אונז לערנן בתורת חבר אונ דר פר וועסטו אים געבן דרייסיג קערבליך . אונ אונזער קליין ברודעריל וועסטו אפ פירען אין שטאט אריין . אזו איז גוועזן דר רונדאר הט ביי דר וועטשירע אן גהובן צו רידן מיט דעם בחור . אונ זאגט אז גאט הט מיר צו גשיקט אזו איונגען מאן ווס קאן מיט מיינע קינדר לערנן בתורת חבר . איז פר דיר אויך גלייכר דו זאלסט בלייבן ביי מיר . דו וועסט בלייבן ביי לערנן . אונ מיינע קינדר וועט אויך זיין אטובה . אונ דר פר גיב איך דיר דרייסיג קערבליך ביז אין דעם סוף זמן . אונ עסן אונ טרונקן אויף דעם שענסטן אופן מיט איין שיינע קאפאטע אז עס זאל זיין שיין פר מיר מיט מיינע קינדר . דר בחור הערט דס . ער איז מרוצה גווארן דר צו אויך מען הט אים תיכף אן גטאן שיינע קליידר . אונ זיי לערנן שון אין איינם בתורת חבר . אונ דס קליינע יונגעל הט דר פאטר אפ גפירט אין שטאט אריין צו דעם איינגענעם מלמד . אז דר בחור הט אן גהובן מיט זיי צו לערנן האבן זיי קלאר ארוס גזעהן

אז ביז אהער האבן זיי גאר ניט גיוויסט וואס לערנן איז ." ער
האט זייא אויף געפינט דיא אויגען מיט דעם שכל . זייא געהן
צום פאטר אונ דאנקן דעם פאטר פר וואס ער האט זיי געגעבן
אזו א חבר . זיי האבן אפ גלערינט די גאנצע וואך . עס איז
געקומן פרייטאג נאך האלבן טאג . זענן די יונגע לייט געפארן אין
מרחץ אין שטאט אריין זיי האבן דעם בחור אויך געבעטן ער
זאל מיט זיי פארן אבער ער האט ניט געוואלט . אויף דעם
אנדערן פרייטאג זענן זייא אויך געפארן אין שטאט אריין
פרעגט ער די יונגי לייט אייער רב פון שטאט קאן עפיס
לערנן . זאגן זיי מסתמא אז ער איז איין רב קאן ער בוודאי
לערנין . זאגט ער איך וועל מאכן איין פרוב . אונ האט גנומן
דעם יורה דעה אונ האט מיט זיי גלערינט די וואך . אונ האט
געוויזן איין סתירה דס הייסט איין דר ווידר פון איין שטיקעל
ש"ך אויף דעם אנדערן . אונ דס זאלט איר ווייזן דעם רב .
גאר ער וועט אייך בוודאי ענטפערן אזוי א תירוץ . זאלט איר
אים אזו אפ פרעגן . וועט ער אייך אזו ענטפערן זאלט איר
אים אזו אפ פרעגן . אונ אז ער וועט שון קיין אנדערן תירוץ
ניט האבן . זאלט איר אים זאגן דעם תירוץ אזו . אונ האט
זיי גוט קלאר געמאכט אז זיי זאלן ניט בלייבן אין מיטן שטיין :

**ויסעו מכפר לעיר** אזו איז געווען זיי זענן אוועק געפארן
אין שטאט אריין אין מרחץ אונ זענן
אריין גיגאנגן צום רב דר רב האט דר זעהן די יונגע לייט האט
ער זיי גאנץ שיין צו גנומן . איינס מחמת זייער פאטר איז
א גרוסר נגיד . צווייטענס זי זענן אליין שיינע יונגע לייט . ובפרט
זיי זיצען אונ לערנן (יומם ולילה) טאג אונ נאכט . דר רב האט
זיי מכבד גוועזן מיט משקה אונ פר ביסן . דר נאך זאגן
די יונגע לייט צום רב . רבי מיר האבן אייך עטוואס צו פרעגן
אין יורה דעה זאגט ער פרעגט קינדרליך . זיי האבן אים
געוויזן אונ האבן אים גפרעגט די (סתירה) דעם ווידר אנאנדר .
ער האט מעיין געווען אין דר וואך אונ ענטפערט זיי א תירוץ אזו
ווי דר בחור האט אין דר היים גזאגט . האבן זיי אים אפ
גפרעגט . האט ער זיך גמוטשעט . אונ האט אנדרש פר ענטפרט .
האבן זיי אים ווייטער אפ גפרעגט . ער האט שון קיין אנדערן

תירוץ ניט געהאט. זאגט דר רבי אפשר האט איר עפים איין תירוץ. זאגן זיי אונז דאכט זיך אז אזו איז דר פשט אונ האבן אים געזאגט. דר רב האט דר הערט דעם תירוץ. זאגט ער זייער קינדערליך איך קאן אייך גאנץ גוט. איך פר שטייא אז די קשיא איז ניט אייער. אונ דר תירוץ איז בודאי ניט אייער לכן בעט איך אייך איר זאלט מיר זאגן וועמעס שכל איז דרונן אזו צו פרעגן אונ אזו צו פר ענטפערן אונ ווער איז דר מענטש. זיי האבן אים ניט געוואלט זאגן מחמת זיי האבן פר אים מורא געהאט טאמער וועט ער זיך בייזערן. דר רב האט אויף זיי גוזר געווען בגזירת הרב זיי האבן אים גמוזט זאגן. האבן זיי אים דר ציילט אז עס איז צו זיי געקומן איין ארומטער בחור. אונ זיי האבן אין אים דר שמעקט אז ער קאן גוט לערנן האבן זיי אים פר האלטן ביי זיך אז ער זאל לערנן מיט זיי בתורת חבר. האט ער אונז אום גלערינט ווי אזו צו פרעגן. אונ וואס צו ענטפערין אונ ווי אזו דר אמתר פשט איז. אז דר רב האט דאס דר הערט האט ער זיי געבעטן אז איבר אכט טאג פרייטאג זאלן זיי אים ברענגן אין שטאט אריין. ער וויל מיט אים איבר ריידן אין תרומות ומעשרות וועלכם עס איז אים קשה אונ ער האט ניט מיט קיינעם די זאך איבר צו ריידן. אונ וועדליג ער פר שטייט איז ער איין שטארקר חריף ובקי. וועט ער מיט אים די זאך ריידן. די יונגע לייט האבן אים צו געזאגט אז זיי זאלן אים ברענגן אין שטאט אריין. די יונגע לייט זענן געקומן אהיים פון מרחץ. זיי האבן אים דר ציילט אז ער האט אקאראט געטראפט אזו ווי ער האט געזאגט. אונ דר נאך האבן זיי אים געזאגט זייער תירוץ איז אים זייער געפעלן. אונ ער האט אויף אונז גוזר געווען בגזירת הרב אז מיר זאלן אים זאגן (מי הוא זה ואי זה הוא) ווער איז דר מענטש וואס האט אזו אמות אזו צו פרעגן אונ אזו צו ענטפערן. האבן מיר גמוזט זאגן. האט ער געבעטן אז איר זאלט אנדערש ניט טאן נאר איר זאלט פרייטיג קומן מיט אונז צו פארן אין שטאט אריין. ער וויל מיט אייך איבר ריידן אין לערנן וועלכם ער קאן מיט אנאנדערן דיא הקבלתא גיט ריידן. ענטפערט דר בחור איך וועל אים צו ליב

טאן און וועל אי"ה פרייטיג פארן . עס איז גקומן פרייטאג זאגן די יונגע לייט צום פאטר אזו ווי דר רב הט גבעטן אז מיר זאלן ברענגן דעם בחור צו אים . און דר ציילן אים אז דס וואס ער הט גיפרעגט הט דר רב ניט געוויסט . גל בן וויכן מיר אוך פארן מיט אים לאמר הערן וואס דארטן וועט זיין . לכן זאלסטו אונז הייבן איין שפאנן די גרוסע נאטשאנקע מיט דריי פערד אזו ווי אונז שטייט אן . דר רענדאר הט באלד גשאפט מען זאל שפאנען די באטשאנקע מיט דריי פערד און זענן אוועק גפארן . זיי זענן גקומן אין שטאט אריין זענן זיי פר פארן גלייך צום רב . דר רב גיט אים שלום און רעט מיט אים זיינע שאלות וואס ער הט גהאט צו ריידן . דר פר ענטפערט אים יעדער זאך און וויזט אים אום פון ספרים אז דר אמת איז אזו:

**וישב הרב במשתומם** דר רב איז גיבליבן זיצן . ער וואונדערט זיך ווי הט זיך גנומן צו אמענטש אזא מוח . און אזא קלארן שכל דער וויל גייט דר בחור צו צו דר שאפע פון ספרים און דר זעהט קבלה ספרים . פרעגט ער דעם רב . איר הט עפים איין ידיעה אין קבלה ספרים זאגט ער אביסל . ער טוט אים אין דעם ספר וואס ער הט ארוס גנומען פון דר שאפע אפרעג אזאך ער זאגט אבר ניט אמת . האט דר בחור אים גזאגט הט ער געוויסט אין דעם לערנן פון קבלה אזו ווי אגרוסר מקובל דר רב קוקט אים אן . ווי האט זיך גנומן צו איין מענטשן אזא קאפ אין נגלה אוך אין נסתר . די יונגע לייט זיצן און הערן וויא דר בחור איספראוועט זיך סייא אין נגלה סייא אין נסתר . (בין כך ובין כך) ווי זיי ריידן אזו . איז דר רב ארוס גגאנגן פון דר סאלע אין איין קאמנאט אריין און הט זיך ניט פיל גזאמט און איז אריין גקומן . דר רב אליין איז אוך גוועזן איין גביר . און הט מיין ניט גהאט גאר איין בת יחידה . און זי איז גוועזן איין שיינער פארשון . און אניגלערענטע . ווי זיי זיצן קומט אריין צו גיין די בת יחידה אוס גצירט מיט אלע תכשיטים און טראגט אריין משקה מיט פר בייסן . די יונגע לייט איז קשה גוואורן .

ווי קומט דס אז א בתולה זאל זיך אום ציהן אידר מען פר רוקט צאלענט . זיי האבן צו גישווינן . אונ זענן אהיים גפארן . דיא יונגע לייט דר ציילן דעם פאטר דיא גאנצע מעשה ווי אזו ער איז איין גאון אין נגלה אוך אין נסתר . אונ זאגן דעם פאטר אונז גפעלט אז דס וואס די בתולה דעם רבס האט זיך אזו פרי אום גציהט . איז ניט אנדערש דר רב וויל אים בוודאי נעמן פר איין איידעם . על כן איז אונזער דעה . אזו וויא מיר האבן איין שוועסטר אין דיא איינגע יארען וואס דעם רבס בתולה . אין דיא קאנסט אים געבן גדן אזו ווי דר רב . על כן זאל מען שבתות צו גאכט מיט אים ריידן . אונ מען זאל דס שוועסטירל אוך שיין אום ציהן . אונ מען זאל זעהן מיט אים שרייבן תנאים . אונ דעם אנדערן שבת זאל זיין פאר שפיל . כדי דר רב זאל גאר ניט וויסן . אונ עס זאל ווערן פרוצלינג אחתונה . דר פאטר האט דס דר הערט . זאגט ער איר זענט גרעכט דר רב מיינט בוודאי דס דאזיגע . ער וויל אים פאר איין איידעם . אונ מען דארף דס מאכן כדי ער זאל זיין אייער שוואגער . וועט איר אין איינם זיצן אין לערנן וועט דס זיין ביי מיר טייער טאייער אז איר וועט אלע קאנן לערנן . דר שבת איז גוועןן ביי זיי גרעכענט איין יאר . דר שבת נייט אוועק מען האט גמאכט איין קאווע אונ מען האט זיך גזעצט אלע טרונקען . אונ דס שוועסטירעל האט מען גאנץ שיין אום גיסטרויעט . זאגט דר פאטר האראך גאר צו מיין קינד ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן . איך וויל אז דו זאלסט זיין מיין איידעם . אין דיא קינדר איין שוואגער כדי איר זאלט זיצן אין איינם אין לערנין . אונ גדן אונ מלבושים איז קיין מניעה ניט וויפיל דו וועסט זאגן גיב איך דיר . אונ זעה די בתולה אז זיא איז איין יפיפיה . אונ וועסט דיר זיין שון אוף איין ארט . אונ וועסט פר שפארן שון אנדערע זאכן צו טראכטן . דער בחור דר מאנט זיך אין דעם רעבס ווארט . אז דארטן ווי מען וועט אים בעטן פר איין איידם זאל ער וועלין . ענטפערט דר בחור (אם מה׳ יצא הדבר יוגמר בכי טוב) פון סטפם הייסט גאט אזו לאז זיין מיט מזל טוב .

זיי האבן געגעבן זיך דיא הענט אונ מען האט געבראכן וויים
גפעס אונ געשריבן תנאים . אונ מענטשן וואס זענען געוועזן
נאך אין דארף האבן זיך גחתמנת אונ אויף דעם אנדערן
שבת זאל זיין פאר שפיל . קאן מען אליין פר שטיין וואס
איין שמחה עס איז געווארן אויף דר גאנצער פאמעליע .
זונטאג אין דר פריא דר רענדאר איז געפארן גיט אין דר שטאט
ווי דר רב איז נאר אין איין אנדער שטאט אונ האט
אן גנומען אין קלייט אלדעם גוטץ וועגן דר כלה אוך
וועגן דעם חתן . אונ מען האט אן גיטרובען שניידערס .
שוסטערס . סארוועס . אונ כל הזאכן וואס מען דארף
צו איין חתונה . אונ מען האט גיטרעביוועט אלדונג . בכדי
אז עס זאל זיין אויף שבת גרייט . פרייטיג ביי טאג שיקט
דר רענדאר צווישן זיינע רענדארס . אונ מען האט גיבראכט
מיידלך צו דר כלה אויף דעם פאר שפיל . אונ אין דר שטאט
ווי דר רב איז געוועזן ווייסט מען קיין שום זאך גיט וואס דא טוט
זיך . שבת איז געוועזן דאס אויף רופן . אונ דר פאר שפיל
מיט גרוס אויף צוג . אונ מיט פיל פרייד . דינסטיג שיקט
דר אירענדאר אריין פירען נאך דעם רב אונ דיינים אונ נאך
אלע (יקירא קרתא) פאר נעמסטע מענטשן . זיי זאלן קומען
אויף דעם חתן מאל . דר רב האט דר הערט אז דר בחור איז
גיבליבן ביי דעם רענדאר פר איין איידעם . האט ער מיט דר
רעביצען מיט דר בת יחידה אן גהובן צו חלושען אז מען
האט זייא קאם דר מינטערט . נאך זיי . האבן גזעהן אז די
יונגע לייט האבן זיי דם אפ גטאן . דר ווייל איז ער דאך איין
רב . ער האט מיט גנומען דם ווייב מיט דר בת יחידה . אונ
זענין גפארן אין דארף אריין . ווי דר רב איז גקומען זאגט ער
צום רענדאר . גלויבט מיר אז איר זאלט ביי מיר צו נעמען מיין
גאנץ רייכקייט . וואלט איך אייך אזא שונא גיט געוועזן ווי דר
פר וואס איר האט ביי מיר צו גנומען דעם חתן . דר רענדאר
שווייגט . אבער אין הארץ איז אים גרוס פרייד . אז ער האט
אזא כלי דר טאפט . אונ דר רב איז אויף זיך אליין ברוגז פר
וואס האט ער דעם שכל גיט גטאן . אז ער זאל אים געוועזן בעטן
אויף שבת צו זיך וואלט ער זיך געוועזן גישריבן מיט אים תנאים .

נאר עס איז שוין פאר פאלן . על כל פנים מען האט אהן גהויבן
צו פראוועון דעם חתן מאל . זעצט זיך אנידער דער רב אין דיא
דיינים . דער חתן הייבט אן זאגן איין דרשה . אז עס האט געבראכן
מוחות . די דיינים זענען געבליבן פאר דולט . זיי האבן שוין ניט
גוויסט וואס ער זאגט . נאר דער רב האט גיהאלטן טוח . ער
האט אזויא אוועק גזאגט איין ערך אפאר שעה . דער רב
מיט דעם ווייב מיט דער בת יחידה זייא גייען אוס פון דיא
כוחות. מען האט אפ גפראוועט דעם תנאימאל פרייליך מיט
דר מאזיקע. אין דר פריא מען פראוועט ווייטער אסעודה אויף
דעם העכסטן אופן. זייגער צוויי האט מען גמאכט דעם באדעקנס.
דר נאך איז דר רב גיגאנגן צום חתן האט דר חתן אנגיהויבן
צו זאגן קבלה מעגן החתונה אז עס האט אים גפלאמט דם פנים
ווי פייער. ער האט אזוי אריין גרעט אז דר רב האט שוין ניט
פר שטאנען . וואס ער זאגט מיין תורה ווערט דעם רב מיין
לעכר אין הארצן. אין קורצן מען האט זיי גפירט צו דר חופה
איז ערשט דר עולם פרייליך גוואורן נאר אויף איין אנדר אופן.
מען האט אפ גפראוועט די סעודה עס איז גקומן צו דר דרשה
גישאנק דר חתן האט גזאגט זייער אגוטע דרשה. בקיצור מען
האט גפירט חתן כלה ביי לייגן דר חתן האט זיך אנגיהויבן אוס
טוען האט ער זיך דר מאנט אז דר רבי הצדיק האט אים
אריינגיגעבן אין דר כנפה איין קוויטיל און האט אים אנגיזאגט
אז ער זאל פר דר חופה דם ארוס נעמן. און ער האט גאר
פר געסן. על כל פנים דר חתן טוט זיך איבר גייעס אן און
איז תיכף אריין גיגאנגן. דר פאטר מיט דר משפחה האבן דם
דר זעהן זענען זיי זייער דר שראקן גוואורן. אוי וואס באטייט
דם. דר חתן איז צו גיגאנגן צום רב און זאגט אים נעמט
מיט זיך די (שושבינים) אונטר פירערס און קומט מיט מיר
אריין אין איין באזונדר חדר איך האב אייך עפעס צו זאגן.
דר רב האט באלד גנומן די אונטר פירערס און זענען אריין
גיגאנגן אין איין באזונדר חדר. זאגט דר חתן איר זאלט וויסן
אז איך האב עובר גוועען אויף דעם רבים אן זאג נאר איך
בין ניט שולדיג איך האב גאר פר געסן . על כל פנים ווייזט
ער זיי די כנפה און זאגט אז דא אין דר כנפה ליגט איי

קוויטיל וואס דר וויל האט מיר אליין אריין גילייגט און האט מיר אנגיזאגט אז דר רב פון דעם ארט ווי איך וועל זיין מיט די אונטר פירערס זאלן דאס ארוס נעמען פר דר חופה. דר רב נעמט דאס קענטעמסירער און טראגט אויף די בנפת און נעמט ארוס דאס קוויטיל שטייט אין קוויטיל (היתכן שישא איש את אחותו) איז דען רעכט אז איין מענש זאל נעמען זיין שוועסטער דר רב מיט די שושבינים קוקן אין קוויטיל אבער זיי ווייסן קיין פירוש ניט וואס ער האט אנגישריבען; דאס ווייסט איטליכער מענש אז זינט נאך מתן תורה מאר קיין ברודר ניט נעמען קיין שוועסטער. זיי ווייסן ניט וואס דאס באטייט. דר חייל האט גיווארט די קלעריכץ ערך איין פערטיל שעה. דר מחותן האט דר זעהן אז עס גדויערט זייער לאנג האט ער גנומען די קינדר. און איז צו גיגאנגען צו דר מיר און האט אקלאפ גטאן אין דר מיר מען האט אים געעפנט. דר הערט דר פאטר אז עס איז דא עפיס איין קוויטיל אין קוויטיל שטייט (היתכן שישא איש את אחותו) און מען קלערט וואס באטייט דאס. רופט זיך אן דר פאטר זאג מיר מיין קינד פון וואנען קומסטו ארוס נאר דעם אמת. זאגט דר חתן גלייבט מיר אז איך ווייס ניט. נאר דאס גדענק איך אז אגבּרי ער האט גהייסן איוואן האט מיך ארוס גנומען פון איין גרוב. ביי דעם און דעם שררה און האט מיר גיגעבן צטליכע קערבליך און האט מיך אריבר גישטעלט איבר דעם גרעניץ פון דעם שררה און מען האט מיך אזוי לאנג גפירט ביז צום רבי הקדוש ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב און ער האט מיך גמאכט פר איין יוד. דר פאטר און מוטר האבן דאס דר הערט איז זיי אריין גקומן אין שכל. אפשר איז דאס זייער קינד וואס זיי האבן פר נעמן אין גרוב. רופט זיך אן דר פאטר מיין קינד דו גדענקסט נאך דאס דארף פון דעם שררה. זאגט ער יוא. גדענקסט די בעלי בתים פון דארף זאגט ער יוא. האט דר רעדנדאר אן גהובן אום צו רעכנן די נעמן פון די בעלי בתים און דעם בעל הבית איוואן און זאגט איין סימן ער איז איין בעזידימניק. און רעכנט אים דעם לאקאשען דעם שלעכטן. דר חתן האט דאס גהערט און שווייגט דר פאטר און מוטר זענן זיים ארוף גפאלן אויף דעם חאלדז

אונ' האבן אן גהובן צו קושן. דו ביסט אונזר זון. בקיצור זיי האבן זיך צו דעם. דר חתן זאגט דעם סימן. די פאטר אונ מוטר זאגן דעם סימן. דר אמת איז אז ער איז זייער קינד. היינט איז דר רעגדאר שוין זיין פאטר. אונ די קדושין זענן בטעות זענן זיי ניט חל. דר רב האט דם דר הערט. זאגט ער צו דעם פאטר. גא היינט נעמט מיך פר איין מחותן אז השי"ת האט געהאלפן אז הצדיק הקדוש האט פר היט אז ער זאל ניט נכשל ווערן אין עבירה כזו. איך גיב אייך דעם נדן ווס איר האט צו גזאגט אים. אונ לאמר שטעלין איבר באייעם חופה בשירה למזל טוב. די פאטר אונ מוטר האבן ניט פיל גימראכט אונ מזל טוב אונ מען האט גישטעלט איין חופה מיט דעם רבם בת יחידה אונ זיי זענן גווען נגידים ביז צייט זייער לעבן. השי"ת זאל אויף אונז ברחמנות האבן אונ זאל תמיד אפ היטן אז מיר זאלן חלילה ניט נכשל ווערן אין קיין שום עבירה. ובזכות זה ווערט אויף אונז דר רוסישער קיסר יר"ה אונ אלע זיינע שרי מלוכה גוטע הערצר האבן. אונ זאלן אונז גוטס טאן ער ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן סלה:

עֶנדע